# פרשת ויצא ג׳ - ט׳ כסלו תש״פ לפ״ק

***יום ראשון פרשת ויצא***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר״ר **אשר מרדכי לעפקאוויטש** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט״א** האפשערן של בן הר״ר **שמואל יחזקאל שפארן** הי״ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשולחן ערוך (או״ח הל׳ ברכת המזון סימן קצ״ב סעיף א׳) בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט״א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל״ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ויאהב** יצחק את עשו, יצחק האט ליב געהאט עשו, כי ציד בפיו, ווי דער תרגום זאגט, ווייל ער האט אים געברענגט צו עסן, ורבקה אוהבת את יעקב, און רבקה האט ליב געהאט יעקב (כה-כח). ביי רבקה שטייט נישט פארוואס זי האט ליב געהאט יעקב, עס שטייט נאר, ורבקה אוהבת את יעקב, אבער ביי יצחק שטייט א טעם, ער האט ליב געהאט יעקב, כי ציד בפיו. בפשטות ווייל רבקה דארף נישט האבן קיין הסבר פארוואס זי האט ליב געהאט יעקב, ער איז געווען א איש תם יושב אהלים, האט זי אים ליב געהאט. יצחק דארף מען פארענטפערן, פארוואס ער האט ליב געהאט עשו. אויב דו האסט א זון יעקב, פארוואס האסטו ליב עשו. ווענן דעם פארענטפערט ער, כי ציד בפיו, ווייל ער האט אים געברענגט צו עסן. אבער עס איז נאך אלץ זייער א שוואכע תירוץ, ווייל ער האט אים געברענגט צו עסן, פארדעם האט ער ליב געהאט עשו? יצחק האט זיך נישט פארקויפט פאר א ביסל עסן, ליב צו האבן עשו.

**צווייטענס**, פארוואס האט מען פון הימל נישט מגלה געווען פאר יצחק, ווער דער עשו איז. ווען יצחק וואלט געוואוסט ווער דער עשו איז, וואלט ער אים נישט ליב געהאט, און ער וואלט אים נישט געוואלט געבן די ברכות, ער וואלט געגעבן די ברכות גראד פאר יעקב, און עס וואלט זיך נישט געדארפט אויסשטעלן די גאנצע סדר וואס עס איז געווען. ווערט מען זאגן, אז דער אייבערשטער האט נישט געוואלט מצער זיין יצחק, און אים זאגן אז ער האט א קינד עשו. שפעטער זעהט מען, אז ער האט גארנישט רחמנות געהאט אויף אים. ווען עשו איז אריינגעקומען, און ער האט געברענגט צו עסן פארן פאטער, ויחרד יצחק חרדה גדולה עד מאוד (כז-לג), ער האט זיך דערשראקן, ווייל ראה גיהנם פתוחה תחתיו (ב״ר סז-ב), האט מען דאך אים יא געוויזן ווער דער עשו איז. דאס וואלט מען געקענט ווייזן פריער פאר יצחק. פארוואס פאר דעם האט מען נישט געוויזן, און שפעטער יא.

**איך** האב געטראכט, מען ברענגט צו (בספר **שפתי צדיק** בפרשתנו אות כט) פונעם **חידושי הרי״ם**, אז דאס וואס יצחק האט נישט באמערקט וואס עשו איז, אזוי ווי ער האט עוסק געווען אין כיבוד אב, ער האט שטארק מכבד געווען דעם פאטער, האט עס מגין געווען אויף אים, אז עס זאל נישט ארויסקומען פון אים א צער פארן פאטער. אז ער איז מקפיד אויף כיבוד אב, האט מען פון הימל נישט מגלה געווען פאר יצחק, ווער דער עשו איז, אז עס זאל נישט אויסקומען אז עשו זאל מצער זיין דעם פאטער.

**עס** קען זיין דער ביאור וואס ליגט אין דעם. עס איז דא א מעשה פונעם **רבי פון לובלין זי״ע**, אז אין א שטאט איז געווען א מסור, און די חסידים זענען געפארן אויף חנוכה צום רבי פון לובלין, און מען האט זיי געבעטן אז זיי זאלן מזכיר זיין פארן רבי׳ן, אז ער זאל זעהן מסלק צו זיין דעם מסור. ווען דער חסיד האט איבערגעגעבן דאס קוויטל פארן רבי׳ן, און ער האט געקוקט דעם נאמען, האט ער געזאגט, אה, ער לייכט אין אלע וועלטן. האט דער חסיד זיך זייער גע׳חידוש׳ט. שפעטער האט ער נאכאמאל געגעבן א קוויטל, און ער האט נאכאמאל אריינגעשריבן דעם נאמען פון דעם מסור. האט דער רבי פון לובלין גענומען דאס קוויטל, און ער האט עס אראפגעווארפען אויף דער ערד, ער האט נישט געוואלט אפילו קוקן דערויף. האט דער חסיד געפרעגט, פארוואס דאס פאריגע מאל האט דער רבי געזאגט אויף אים, אז ער לייכט אין אלע וועלטן. האט דער רבי פון לובלין געזאגט, ווען דו האסט מיר געגעבן דאס קוויטל איז געווען חנוכה, און פונקט דעמאלטס האט ער געצינדען חנוכה לעכט, און ווען

א יוד צינד חנוכה לעכט, לייכט ער אין אלע וועלטן, האב איך נישט געקענט זעהן וואס ער איז, ווייל ער לייכט. אבער יעצט נאך חנוכה, ווען איך האב געקוקט, האב איך געזעהן וואס ער איז (הובא בספר **שם משמואל** בפרשתנו שנת תרעט).

**עשו** האט זיך קיינמאל נישט געדרייט ביים פאטער אין שטוב, ער איז געווען א איש שדה, ער האט זיך געדרייט אין די גאסן. ווען איז ער יא אריינגעקומען צום פאטער, נאר בשעת ער האט אים געברענגט צו עסן. קומט אויס אז אלץ ווען ער איז אריינגעקומען צום פאטער, האט ער מקיים געווען כיבוד אב. און אז מען איז מקיים כיבוד אב, לייכט דאך א הארה אויף דעם מענטש, פון די מצוה וואס ער טוט, האט יצחק נישט געקענט זעהן ווער דער עשו איז. ער האט אים קיינמאל נישט געזעהן, נאר אין א מצב וואס ער האט מקיים געווען כיבוד אב, און אין א מצב פון כיבוד אב, קען מען נישט דערקענען א חסרון אינעם מענטש, ווייל ער איז מקיים יעצט א מצוה.

**ויאהב** יצחק את עשו, דאס וואס יצחק האט ליב געהאט עשו, איז געווען כי ציד בפיו, ווייל ער האט אים קיינמאל נישט געזעהן נאר ווען עס איז געווען כי ציד בפיו, נאר ווען ער האט אים געדארף ברענגען צו עסן, דעמאלטס איז ער דארט געווען, און דעמאלטס האט ער מקיים געווען די מצוה פון כיבוד אב מיט א געוואלדיגע שלימות, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (ב"ר סה-טז), אז עס איז כמעט נישט דא נאך איינער וואס האט אזוי מקיים געווען כיבוד אב, אזוי ווי עשו האט מקיים געווען. און דאס האט צוגעברענגט אז ויאהב יצחק את עשו.

**רש"י** (כז-ג) ברענגט צו, אז בשעת ער האט אים געהייסען אז ער זאל גיין ברענגען פאר אים צו עסן, האט ער אים געזאגט, שארף אויס דיין חלף, און ברענגען מיר כשר'ס, נישט קיין נבלה. און ער האט אים געזאגט, אז ער זאל גיין פאנגען פון הפקר, און ברענג מיר נישט פון א גזילה. עס שטייט אין מדרש (ב"ר סז-ב) אז עשו איז ארויסגעגאנגען פאנגען, און וואס ער האט געפאנגען און ער האט צוזאמגעבינדען, איז געקומען א מלאך און האט עס אויפגעבינדען. און א גאנצע טאג איז ער געווען פארנומען, ער האט געפאנגען און צוגעבינדען, און נאכדעם האט ער עס נישט געטראפן, ווייל אלעס איז אנטלאפן. עס שטייט אין **כלי יקר** (כז-ג), אז עס איז מסתבר צו זאגן, אז דער מלאך האט אלעס אויפגעבינדען, און ער האט נישט געקענט ברענגען פארן פאטער, ביז ער איז געגאנגען און ער האט גע'גזל'ט א בהמה, און דאס האט ער געברענגט פארן פאטער. האט ער אים געברענגט א גזלה.

**אין** תרגום יונתן (כז-לא) שטייט, אז מען האט פון הימל מעכב געווען אז ער זאל נישט טרעפן א ציד פארן פאטער, און ער איז געגאנגען און ער האט גענומען א הונט, און ער האט עס גע'הרג'ט, און דעם פלייש האט ער געברענגט פארן פאטער. און דאס איז געווען דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן וואס ער איז געקומען צו זיין טאטע, און ער האט געברענגט עסן, און ער האט נישט מקיים געווען כיבוד אב. דער טאטע האט געהייסען ברענגען כשר'ס, און ער האט געברענגט א כלב. דער טאטע האט געהייסען ברענגען מן ההפקר, און ער האט געברענגט פון גזל. און אז דעמאלטס האט ער נישט געהאט די מצוה פון כיבוד אב, דעמאלטס האט מען ארויסגעזעהן ווער ער איז, און דעמאלטס האט ער געזעהן אז עס גיהנם פתוחה תחתיו. נישט ווייל מען האט יעצט געוואלט מגלה זיין, דער גיהנם פתוחה תחתיו איז געווען שטענדיג, נאר די מצוה וואס ער האט ביז יעצט געטון, האט מחפה געווען אז מען האט עס נישט באמערקט. יעצט אז ער האט נישט געהאט די מצוה פון כיבוד אב, יעצט האט יצחק געזעהן אז עס איז גיהנם פתוחה תחתיו.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בת **הרה"ג רבי לוי יצחק גרינוואלד שליט"א** דומ"ץ פאפא בב"פ (בן כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א, והחתן כ"ק האדמו"ר מבורשטין שליט"א), עב"ג בן **כ"ק האדמו"ר מטאהש שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש פאפא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שני פרשת ויצא</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **חיים אלי' קליין הי"ו**. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות

וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה זאגט די תורה אויף אברהם אבינו, עקב אשר שמע אברהם בקולי, וישמור משמרתי מצותי חוקותי ותורותי (כו-ה). אין די גמרא (יומא כח:) שטייט, אז אברהם אבינו האט מקיים געווען כל התורה כולה עד שלא ניתנה, פאר קבלת התורה האט אברהם אבינו מקיים געווען אלע מצות. די מפרשים שטעלן זיך, פארוואס מצות מילה האט אברהם אבינו נישט מקיים געווען ביז דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען אז ער זאל זיך מל'ן. ער איז שוין אלט געווען ניין און ניינציג יאר, און דעמאלטס האט ער זיך הערשט געמל'ט. ער האט דאך מקיים געווען אלע מצות פאר דעם.

**א** טייל מפרשים ענטפערן דערויף, אז אזוי ווי עס איז גדול המצווה ועושה יותר ממי שאינו מצווה ועושה (קידושין לא.), א מצווה ועושה איז חשוב'ער. איז יעדע מצוה וואס מען קען מקיים זיין צוויי מאל, האט ער מקיים געווען אפילו ער איז נאכנישט געווען א מצווה. אבער מצות מילה, אויב ער וועט עס מקיים זיין קודם פון זיך אליין, איז שוין נישט שייך אז ער זאל עס נאכאמאל מקיים זיין אלץ א מצווה ועושה, וועגן דעם האט ער געווארט ביז ער וועט ווערן א מצווה ועושה.

**מען** וואלט זיך געקענט דינגען אויף דעם תירוץ, ווייל דער טעם פארוואס גדול המצווה ועושה איז, שטייט אין די מפרשים (עיין **בחידושי הריטב"א**) ווייל מען האט א יצר הרע וואס שטערט צו טון די מצוה. ביי א אינו מצוה שטערט ער נישט, ער איז ממילא נישט מצווה, וואס גייט אן פאר דעם יצר הרע, צו ער האט יא געטון די מצוה, צו נישט. אפילו ווען ער שטערט אים פון די מצוה, האט ער אים נישט צוגעברענגט צו א עבירה. איינער וואס איז מצווה, דארט איז דא א התגברות פונעם יצר הרע, און פון דעסטוועגן דאך איז זיך דער מענטש מתגבר, איז גדול המצווה ועושה יותר ממי שאינו מצווה ועושה. די גמרא (בבא בתרא יז.) זאגט, אז אויף אברהם אבינו האט נישט שולט געווען קיין יצר הרע. האט ער דאך נישט געהאט קיין יצר הרע, איז דאך ביי אים נישט גרעסער א מצווה ועושה פון א אינו מצווה ועושה, ער האט דאך נישט קיין יצר הרע.

**עס** איז אבער מעגליך, אז דאס וואס ער איז צוגעקומען צו די מדריגה אז ער האט נישט געהאט קיין יצר הרע, איז נאר געווען אויף די עלטערע יארן, אבער אין די פריערדיגע יארן איז מעגליך אז ער האט יא געהאט א יצר הרע. ווייל די גמרא דרש'נט, פון וואו ווייסט מען אז אברהם אבינו האט נישט געהאט קיין יצר הרע, ווייל עס שטייט (כד-א) ואברהם זקן בא בימים, וה' ברך את אברהם בכל. בכל איז דער טייטש, אז עס האט נישט שולט געווען אויף אים דער יצר הרע. און אויף דעם זאגט דער פסוק ואברהם זקן, נאר ווען אברהם איז געווארן א זקן, דעמאלטס איז געווען וה' ברך את אברהם בכל, אז עס האט נישט שולט געווען דער יצר הרע אויף אים. אבער פאר דעם האט ער נאך געהאט א יצר הרע, איז ממילא יא געווען ביי אים גדול המצווה ועושה (עיין בתוספות שם).

**עס** וואלט געקענט אפשר זיין נאך א ענין דערין. די מפרשים פרעגן די קשיא, ווי אזוי האט אברהם אבינו מקיים געווען די מצוה פון שבת, עס איז דאך עכו"ם ששבת חייב מיתה (סנהדרין נח:). ער איז דאך נאך געווען א גוי, ער איז געווען א בן נח, עס איז נאכנישט געווען דינו כישראל. ער קען טאקע נעמען אויף זיך צו האלטן די תורה לחומרא, אבער ער קען נישט נעמען אויף זיך לקולא. אויב עכו"ם ששבת איז חייב מיתה, ווי אזוי האט ער געקענט האלטן שבת. ענטפערט דער **הפלאה** (**בספר המקנה** קידושין לז.), אז ביי א גוי איז קודם טאג און נאכדעם נאכט, און ביי אונז איז קודם לילה און נאכדעם יום. קומט אויס, אז אויב אברהם אבינו האט געטון א מלאכה מוצאי שבת, איז אלץ גוי האט ער נישט געהאלטן שבת, ווייל די נאכט געהערט צום טאג. אבער אלץ יוד האט ער געטון א מלאכה מוצאי שבת. קומט אויס, אז אויב יעדע מוצאי שבת האט ער געטון א מלאכה, איז אלץ עכו"ם ששבת האט ער נישט עובר געווען, ווייל די נאכט געהערט צום טאג, אבער אלץ ישראל האט ער מקיים געווען מצות שבת.

**מען** געפונט די קומענדיגע וואך אין די פרשה, אז שמעון און לוי האבן געהייסען אז די שטאט שכם זאל זיך מל'ן, און נאכדעם האבן זיי אויסגע'הרג'ט די

גאנצע שטאט. און דער **רמב"ן** פלאגט זיך שוין, פארוואס עס קומט זיך אז די גאנצע שטאט זאל מען הרג'נען. איז דא א תירוץ פונעם **חידושי הרי"ם**, אז שמעון און לוי האבן מחדש געווען, אז אזוי ווי עכו"ם ששבת איז חייב מיתה, ווייל ער האט גענומען א אות פון יודען, און ער האט עס גענומען צו זיך, די זעלבע זאך עכו"ם שמל איז אויך חייב מיתה, ווייל ער האט צוגענומען א אות וואס דער אייבערשטער האט געגעבן צווישן יודען, און ער האט עס גענומען צו זיך. פונקט ווי עכו"ם ששבת איז חייב מיתה ווייל ער האט גענומען די אות פון שבת, איז עכו"ם שמל אויך חייב מיתה. און אזוי ווי אלע האבן זיך גע'מל'ט, זענען אלע געווען מחוייב מיתה, און מען האט זיי געמעגט הרג'ענען. - דער חידושי הרי"ם זאגט, אז שמעון און לוי זענען דעמאלטס אלט געווען דרייצן יאר, און דאס איז געווען זייער חידוש פאר די בר מצוה פשעטל.

**קומט** אויס, אז א גוי אזוי ווי ער טאר נישט האלטן שבת, טאר ער זיך נישט מל'ן. אויב אזוי, האט זיך אברהם אבינו נישט געקענט מל'ן, ער איז דאך געווען א בן נח. ביי שבת האבן מיר געענטפערט, אז ער האט געטון א מלאכה ביינאכט, אבער אויף מילה איז דאך נישט דא דער תירוץ. איז על כרחך האט ער זיך נישט געקענט מל'ן ביז ער איז געווארן א מצווה ועושה, ווייל טאמער דער אייבערשטער האט אים נאכנישט מצווה געווען האט ער זיך נישט געקענט מל'ן, ווייל דעמאלטס איז ער נאך א בן נח, און א בן נח קען דאך נישט נעמען א אות פאר זיך, און אויב ער נעמט פאר זיך, איז ער חייב מיתה. איז ביי מצות מילה האט ער געמוזטווארטן ביז דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען, און נאר דעמאלטס האט ער זיך גע'מל'ט.

**איינע** פון די טעמים פארוואס אברהם אבינו האט עס נישט מקיים געווען פאר דעם איז, ווייל מילה איז א אות צווישן כלל ישראל און דעם אייבערשטען. א אות קען מען זיך נישט נעמען אליין, אונז קען מיר נישט מאכען א אות מיטן אייבערשטען, אז אונז גיי מיר זיך מל'ן, ווילאנג דער אייבערשטער איז אונז נישט מצווה און ער זאגט אז איך וויל מיט ענק האבן א אות, אזוי לאנג קען מען עס נישט מקיים זיין. איז נישט שייך געווען אז אברהם אבינו זאל קענען מקיים זיין מצות מילה פאר דער אייבערשטער האט עס מצווה געווען. נאר ווען דער אייבערשטער זאגט, איך וויל מיט דיר מאכען א אות, א ברית, און א קשר, דעמאלטס איז שייך אז מען זאל קענען מקיים זיין די מצוה. קומט אויס, ווען דער אייבערשטער האט אונז מצווה געווען מיט מצות מילה, האט ער געמאכט א אות ברית מיט יעדע יודישע נשמה וואס קומט אראפ אויף די וועלט, קען יעדער זיין נאנט צום אייבערשטען.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל שמחת החאלאקה לנכדו הילד **מרדכי אברהם** ני"ו, בן **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**, שהתקיים בבית הסב **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א.**

*מתוך השיחים:*

**ראש ישיבת מונקאטש:** עס איז דא א ספק צו מען דארף זיך וואשן די הענט נאכן שערן.

**רבינו:** מען רירט דאך נישט אן די האר נאנט צום קאפ.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דער **מנחת אלעזר** (חיים ושלום פ' כי תשא) פרעגט א שאלה, פארוואס אין מסכת תמיד (פרק א' משנה א') ווערט דערמאנט די גאנצע סדר פון די כהנים ווי אזוי זיי האבן זיך געלייגט, זיי האבן געלייגט די בגדים אונטערן קאפ, און ווי אזוי זיי זענען אויפגעשטאנען. פארוואס ווערט נישט דערמאנט וועגן זיך וואשן די הענט צופרי נעגל וואסער, וואו און ווי אזוי זיי האבן זיך געוואשן די הענט. זאגט ער, אז ער מיינט אז אין בית המקדש האט נישט שולט געווען קיין רוח רעה, ממילא האט מען זיך נישט געדארפט וואשן.

נאכדעם ברענגט ער, לגבי קידוש ידים ורגלים, וואס די הלכה איז (זבחים יט:) אז מניח ידו על גבי רגלו בשעת'ן זיך וואשן, און פארוואס איז דאס נישט א סתירה, פון איין זייט איז מען זיך מטהר, און פון די אנדערע זייט רירט מען אן די פיס וואס מען דארף נטילה. נאר אויב מען זאגט אז אין מקדש איז נישט דא קיין רוח רעה, האט מען נישט געדארפט קיין נטילה. כאטש עס איז דא א גרויסער חילוק, ווייל ביים אנרירן די פיס איז דא נאך טעמים זיך צו וואשן.

**רבינו:** דארט איז דאך נישט געווען קיין זיעה, מען איז געגאנגען דארט מיט קורצע הויזען, די מכנסים, ממילא איז דער טעם פון זיעה נישט געווען.

**נכדו הרב יעקב רובין:** ער זאגט אויך דארט, אז וויבאלד עס איז לצורך מצוה, דארף מען זיך נישט וואשן, אזוי ווי ביי תפילין לייגן (ועיין עוד **באות חיים** סימן כ"ז סקי"ד).

**האדמו"ר ממונקאטש:** לויט די שיטה (שיטת **הרא"ש** ברכות ט-כג, והובא **בבית יוסף** או"ח סימן ד') אז מען דארף נטילת ידים צופרי, ווייל ידים עסקניות הן, איז גרינגער צו זאגן אז עס איז נישט געווען במקדש, ווייל כהנים זריזין הן, זיי האבן זיך געקענט מער היטן די הענט. - דער **מנחת אלעזר** האט א שמועס (**נימוקי אורח חיים** סימן ד'), וועגן דעם מנהג וואס מען ברענגט אויף **רבי זלמן'לע [מוואלאזשין]** אז ער פלעגט שלאפן ביינאכט מיט הענטשוך אויף די הענט, כדי ער זאל קענען לערנען אן זיך וואשן די הענט, און דער **מנחת אלעזר** ברענגט דעם **זוהר** (ח"א קפד:, הובא **בבית יוסף** שם) אז מען דארף זיך וואשן וועגן רוח רעה, און לגבי רוח רעה איז נישט קיין חילוק צו מען שלאפט מיט הענטשוך צו נישט.

**רבינו:** ביי יעקב, די וואך אין די פרשה, ווען ער איז אויפגעשטאנען, שטייט אויך נישט אז ער האט זיך געוואשן די הענט.., עס איז אויך געווען במקום המקדש, אכן יש ה' במקום הזה...

**האדמו"ר ממונקאטש:** אין מדרש (ב"ר סט-ז) שטייט דאך, ויקץ יעקב ממשנתו, ער איז אפילו נישט געשלאפן.., עס איז נישט אין פשוטו של מקרא.

עס איז געווען עפעס א מסורה ביי **רבי שלמה זלמן [אויערבאך]** אין ירושלים (עיין בספר **הליכות שלמה** הל' תפלה פרק כ' הערה 49), אז נאכדעם וואס פאטאצקי, דער גר צדק פון ווילנא, האט זיך מוסר נפש געווען, און איז אומגעקומען אויף קידוש השם, האט דער **גר"א** געזאלט זאגן, אזוי איז ביי זיי מקובל, אז עס איז נחלש געווארן די כח הטומאה אויף די וועלט, און פון דעמאלס אן קען מען מיקל זיין אין נטילת ידים. וויפיל מען קען מיקל זיין זאגט ער נישט, עס איז נישט דא קיין מסורה אויף דעם. איך ווייס נישט פונקטליך, א חסיד וואלט געקענט זאגן אנדערש, אז מען זעהט אז א מענטש האט זיך אזוי מקדש געווען, און זיך מוסר נפש געווען על קידוש השם, דארף מען נאך מער נזהר זיין..., מען וואלט געקענט אנדערש אפלערנען, איך ווייס נישט ווי שטארק די מסורה איז ריכטיג. – עס איז דא א תשובות ספר פון הרב עבאדי (**שו"ת אור יצחק** ח"א סימן א'), ער איז געווען א תלמיד פון **רבי אהרן קאטלער זצ"ל**, שרייבט ער אין זיין תשובה ספר אויף רבי אהרן, אז ער האט קיינמאל נישט אנגעגרייט קיין נעגל וואסער ביים בעט, חוץ די הייליגע טעג און הושענא רבה ביינאכט[א].

**ר"י מונקאטש:** דער **בני יששכר** ברענגט דאך אין **אגרא דפרקא** (אות ט'), פונעם **רבי ר' זושא** אז מען זאל נישט אראפטרעטן פונעם בעט אן זיך וואשן, יתיצב על דרך לא טוב[ב].

**האדמו"ר ממונקאטש:** עס איז דא א ספר **שלשלת קאמארנא**, וואס **רבי ישראל פראנקפורטער** האט געשריבן, ער איז געווען דער גבאי פון **רבי יעקב משה [מקאמארנא]**, ער האט אפגעשריבן בכתב יד זאכן פון אים, ער שרייבט זייער א שארפע הקדמה, ער שרייבט פאר די קינדער און אייניקלעך, אז זיי

---

[א] וזה לשונו שם: על מה ששאלת בנוגע לדין המוזכר **במשנה ברורה** (סימן א' סק"ב) שלא ללכת ד' אמות בלא נטילת ידים שחרית, ולפי דברי **הזוהר** הענין כל כך חמור עד שחייב מיתה על זה. הנה כבר אמרתי לך שמורי ורבי לא דקדק בזה כלל (חוץ ממה שמעתי מאחד מהחברים בשם נכדו, שבראש השנה ויום כיפור החמיר בזה, ומסופק על יום הושענא רבה. ומסופקני אם אפשר לסמוך עליו, כי היה אותו נכד עדיין צעיר לימים, ונעשה בר מצוה רק סמוך לפטירתו).

[ב] וזה לשון קדשו: קבלה מאת כבוד דודי זקני סבא קדישא **מו"ה משולם זושא זצוק"ל**, הא דאין רשאין לילך ד' אמות בלי נטילה בשחרית, אמר הוא ז"ל דיש ליזהר שלא להציג רגליו על הארץ בלא נטילה, כי בהציג רגליו על הארץ בלא נטילה, אזי חס ושלום כל היום הרע (שבנפש הבהמיית) רודף אחריו להסיתו. ואמר על זה רמז הפסוק (תהלים לו-ה) יתיצב על דרך לא טוב, אזי ח"ו רע לא ימאס. והנה דבריו ז"ל ברוח הקודש אינם צריכין חיזוק, ונראה לי הטעם לזה [וכו'] ע"ש מה שכתב בזה.

ויצויין מה שסיפר **רבינו שליט"א** (בדרשת ז' אדר תשנ"ו לפ"ק) ששמע מהרה"ג מו"ה אשר יונה וויינבערגער זצ"ל מטעמעשוואר בעת שביקר בביתו, ששמע **מהרה"ק מבארשא זצ"ל**, כי האחים בעל **אהבת ישראל מוויזניץ זצ"ל** עם **מוהר"ח מאנטעניא זצ"ל** נתגדלו אצל זקנם בעל **הצמח צדיק זצ"ל**, והוא היה רגיל לעוררם בבוקר וליטול ידיהם. פעם שאל אותו נכדו, למה לו להטריח עצמו להביא להם מים, הלא יכולים לילך באותו חדר עד מקום המים. ושאל אותו מי אמר לך את זאת, והשיב לו הילד שהמלמד העיר לו כן. וקרא להמלמד ופטרו ממלאכתו, ושוב נתן ידיו על ראש נכדיו ובירכם שישכחו כל מה שלמדו ממלמד זה עכ"ד.

זאלן זיך נישט איינרעדן אז עס זענען שוין נישט דא אזעלכע רבי'ס ווי אמאל, ווייל ער האט זוכה געווען צו משמש זיין אזא צדיק א בעל מופת. ברענגט ער דארט, אז איינמאל איז **רבי יענקע'לע קאמארנער** געפארן אויף יום הקדוש צום **טריסקער מגיד**, נאך אין זיינע יונגערע יאהרן, און מעשה שהיה ער איז איינגעשלאפן יום הקדוש ביינאכט אין צימער פונעם טריסקער מגיד, און ווען ער איז אויפגעשטאנען האט ער געהאט שברי לב וואס ער זאל טון, אז ער האט נישט קיין נעגל וואסער נעבן זיך, זעהט אויס אז עס איז נישט געווען א שיסל צו קענען ברענגן נאנט צו אים, האט אים דער טריסקער מגיד געזאגט, אז ער זאל קריכען אויף אלע פיר ביז צו די וואסער. זעהט אויס אז וויבאלד יתיצב על דרך לא טוב איז פשט נאר בקומה זקופה, און אז ער גייט נישט ווי אן אדם, קען ער גיין. עס איז א חידוש פון א זאך, אזוי האט ער אים געהייסן טוהן[ג].

איך האב געהאט מיין רעבעצינ'ס א פעטער, ער האט געהייסן **רבי מיכל האגער**, נאך די ערשטע וועלט מלחמה איז ער אנטלאפן פון רומעניא אויף מונקאטש, ער איז געווען דעם **רבי משה לייב סאסובער'ס** אן אייניקל, ביים **מנחת אלעזר**, ווען ער האט געזעהן **רבי משה לייב סאסובער'ס** אן אייניקל איז עס געווען א גרויס חשיבות, קודם עס איז נישט געווען קיין סאך אייניקלעך, ער האט געהאט אינגאנצען צוויי קינדער, זיין זוהן **רבי שמעלקא סאסובער זצ"ל** [חותנו של **הגה"ק בעל שם שלמה ממונקאטש זצ"ל**], און א טאכטער פעסיא לאה, זי האט חתונה געהאט צו **רבי דוד זאבלטוב'ער זצ"ל**. צווייטענ'ס וואס איז געווען, דער מנחת אלעזר האט געזאגט, אז בעצם מצד עצמו וואלט ער נישט געווען קיין מוהל, נישט זיין טאטע איז געווען א מוהל, נישט זיין זיידע איז געווען א מוהל. ביי די אייגענע קינדער האבן זיי געהאט א מוהל מעסער, אבער אזוי אנצונעמען ברית'ן איז נישט געווען. ממילא וואלט ער אויך נישט געווען א מוהל, נאר אזוי ווי ער איז אן אייניקל פון רבי משה לייב סאסוב'ער, און ער זעהט אז אין די משפחה קיינער נעמט זיך נישט די מצוה וואס רבי משה לייב סאסוב'ער פלעגט מיט מסירות נפש פארן אסאך פרסאות צו זיין א מוהל, פאלט אויף מיר דער גורל, איך מוז עס איבערנעמען. סתם עס זאל פעהלן א זאך וואס א צדיק האט געטון דאס קען ער נישט, עמיצער מוז עס אויף זיך נעמען.

ער פלעגט פארן אויף ברית'ן אפילו אויף די מרחקים, דעמאלס האט ער נאכנישט געהאט די ישיבה. נישט נאר ער האט נישט געהאט א ישיבה, נאר אין מקומות פון די חסידים האט מען געהאלטן אז מען טאר נישט האבן קיין ישיבות, נישט אין גאליציע און אין ערגעץ נישט, און דער **דרכי תשובה** האט אויך נישט געוואלט. די סיבה איז געווען פשוט, עס לערנען צוויי הונדערט בחורים, דריי הונדערט בחורים, אזויפיל האבן געלערנט אין מונקאטש אין די שפעטערע תקופה, וואו האט מען געהאט צו שלאפן, מען האט געדארפט דינגען ביי ערלים, אדער דא און דארט, וואס פעלט אז יעדער בלייבט ביי זיך אין די שטעט, און לערנט אין בית המדרש, מען דארף נישט מאכן קיין ישיבות. דער **מנחת אלעזר** האט יא געהאט חשק אז עס זאל זיין א ישיבה, און דער דרכי תשובה האט געזאגט, ניין בשום אופן נישט. ער האט געהערט פון זיינע רבי'ס, פונעם הייליגן **צאנזער רב**, אז מען זאל נישט מאכן. ביז יום אחד, דער מנחת אלעזר האט ווייטער ארויפגעברענגט דעם שמועס אז מען זאל מאכן א ישיבה, און זיין טאטע האט ווייטער געזאגט די זעלבע. האט דער מנחת אלעזר געזאגט, וואס פעלט אז עס גייען תלמידים און מען הערט א שיעור, איז דא עפעס שלעכט אין דעם, און דער דרכי תשובה איז נתעורר געווארן, און ער האט שוין מער נישט געזאגט זאלסט נישט מאכן קיין ישיבה, עס איז דאך געווען אזוי ביים **ייטב לב** ער האט געהאט א ישיבה. למעשה ער האט נישט געמאכט דעמאלס א ישיבה, אבער שפעטער נאך די פטירה פונעם דרכי תשובה האט דער מנחת אלעזר געעפענט א ישיבה.

על כל פנים, דער **רבי מיכל האגער** ביי די ערשטע וועלט מלחמה, אין ער געווען פון די פלטים וואס זענען אנגעקומען אויף מונקאטש, און ער האט אנגעקלאפט די טיר, אזוי ווי אורחים, מען האט געעפענט די טיר, און מען האט אים געפרעגט ווער ער איז, האט ער געענפערט, אז ער איז **רבי משה לייב סאסובער'ס** אן אייניקל. מען האט אים ארייגעברענגט, דער מנחת אלעזר האט געזאגט פאר די רעבעצין אז עס איז אנגעקומען רבי משה

---

[ג] ראה **בזוהר חי** [**להרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע**] (וישב קפד.) וזה לשונו: ואמר הצדיק **רבי זושא** אחיו של רבינו הקדוש **מוהר"א** שאסור לעמוד [קודם שנוטל ידיו], כי לא ישלים הצורה בטומאה, כי כשעומד משלים קומתו, זוקף כפופים, ואסור קודם שנוטל ידיו ע"כ.

לייב'ס אן אייניקל, און מען זאל אנגרייטען א וועטשערע. ער האט געהאט מיט זיך זיין ברודער **רבי זונדל [האדמו"ר מסאווראן]** פון ירושלים, ער איז געווען גאר א חשובער יוד. למעשה איז ער איינגעשלאפן דארט אויפן קאוטש, און ר' מיכל שטייט אויף צופרי, זעהט ער אנגעגרייט א שיסל מיט וואסער. ווער האט אים דאס געברענגט, האט ער זיך פארגעשטעלט אז דער גבאי רבי חיים בער, איז ער אים געגאנגען זאגן יישר כח. זאגט ער אים, עס קומט מיר נישט קיין יישר כח, נישט איך האב עס אנגעגרייט, דאס האט דער רב אליין געגאנגען אנגרייטען פאר יעדע פון די אורחים וואס זענען געווען דארט.

דער **מנחת אלעזר** האט מחמיר געווען אפילו אויף שינת היום, וואס עס איז א ספק צו שינת היום דארף נטילה (**שו"ע** סימן ד' סעיף ט"ו), און ער האט זיך אויך געוואשן נאך שינת היום ביים בעט. דער **סאטמארער רבי זי"ע** האט נישט אזוי געטון, ער האט זיך נישט געוואשן ביים בעט נאך שינת היום. ער האט געהאט א שטיק צייט א הויז בחור ר' וואלף בער לעבאוויטש, ער האט אויסגעבעטן א שטיק צייט צו זיין הויז בחור, גדול שימושה יותר מלימודה (ברכות ז:). [דער ר' וואלף בער איז געווען א עילוי'שער בחור, ער האט געהאט א שארפען קאפ, ער האט געדענקט היבש גמרות. דער מחותן האט אים געקענט? **רבינו:** יא, ער איז געווען א מלמד שפעטער א שטיק צייט]. ווען מען האט אים איבערגעגעבן די הנהגות, האט מען אים נישט געזאגט ווי אזוי דער סאטמארער רב פירט זיך ביים שלאפן בייטאג. ער איז דאך געווען א מונקאטשער, האט ער געטראכט איך בין נישט מחוייב צו פרעגן, און ער האט אנגעגרייט וואסער ביים בעט. דער רבי האט זיך אראפגעלייגט, און באמערקט די וואסער ביים בעט. זאגט ער אים, וואלף בער, זאג מיר, פארוואס ביזטו געקומען? מען האט דיך אויפגענומען צו זיין מיין רבי?!... ער זאל מוחל זיין און נישט אנגרייטן מער בייטאג קיין וואסער.

**הרב יעקב רובין:** אין ספר **דרכי חיים** שטייט, אז דער **צאנזער רב** פלעגט זיך אויך וואשן בייטאג ביים בעט.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דער **מנחת אלעזר** האט קיינמאל נישט אנגעהובן קיין נייע מנהגים, אדער האט ער עס געזעהן ביים טאטן, אדער ביים זיידען, אדער ביי זיינע רבי'ס, אבער נייע מנהגים האט ער כל ימיו נישט איינגעפירט. אפילו פיוטים זינגען ימים טובים, אויף אלעס האט ער געהאט א מסורה פון פריער.

**אחר ששתו לחיים איחל האדמו"ר ממונקאטש:** לחיים. דער אייבערשטער זאל געבן אריכות ימים ושנים טובים, מען זאל זעהן אסאך נחת בנים ובני בנים עוסקים בתורה ומצוות.

**רבינו:** אמן. דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל זיין געזונט און שטארק, און קענען מרחיב זיין גבולי הקדושה מתוך נחת און הרחבת הדעת, אסאך שמחות און נחת ווייטער אויף מתוך שמחה וטוב לבב.

*

**רבינו:** ווי אזוי האט מען זיך נוהג געווען לגבי אנטון תפילין בשעת א ברית?

**האדמו"ר ממונקאטש:** דער **מנחת אלעזר** (אות חיים סימן כה סקי"ט) ברענגט אין דעם א מחלוקת צווישן זיינע צוויי אבות, דער **רבי משה לייב סאסוב'ער**, און דער **בני יששכר**. ער שרייבט אז ער פרעגט נישט אויף זיך די שאלה, ווייל ער איז דאך א מוהל, און פאר זריזות המצוה טוהט ער אויס די תפילין פארן ברית, אבער אויפן מנהג העולם ווייסט ער נישט, ער קען נישט אין דעם מכריע זיין צווישן זיינע צוויי אבות. רבי משה לייב סאסוב'ער פלעגט אויסטון די תפילין פארדעם, און דער בני יששכר פלעגט בלייבן מיט די תפילין ביים ברית.

דער **מנחת אלעזר** שרייבט אז בעצם אויסצוטון די תפילין ביי א ברית איז א שטיקל פלא, ווייל אין תיקונים (**תיקוני זוהר** בהקדמה ב.) שטייט דאך, אז א גאנצע וואך איז דא די צוויי אותות פון מילה און תפילין, און שבת איז דאך דא די אות פון שבת פעלט נישט אויס די אות פון תפילין, זעהט מען אז תפילין און מילה האט א שייכות, ער פארענפערט עס אביסל, אבער למעשה וויל ער נישט מכריע זיין. איך מיין אז אין אויבערלאנד איז דער סנדק געבליבן מיט די תפילין (עיין **במגן אברהם** סימן כ"ה סקכ"ח, **ובש"ך** יו"ד סוף סימן רס"ה).

**הרה"ג רבי יהושע:** מען זאגט אויפן **סאטמארער רב זי"ע**, אז אויב מען האט שוין געזאגט קוואטער, האט ער נישט אויסגעטון די תפילין. און ווען מען האט אים געפרעגט דערויף, האט ער געזאגט, אליהו הנביא איז שוין דא, און אין חולצין תפילין בפני רבו (**שו"ע** או"ח סימן ל"ט סעיף י"א).

**ר"י מונקאטש:** מען זאגט אז רבי חיים בער האט אים אזוי געפרעגט. מיין שווער (**הרב אלי' בצלאל טייטלבוים ז"ל**) האט מיר פארציילט די מעשה.

**הרה"ג רבי יהושע:** ער האט געזאגט, אז ער ווייסט שוין ווער עס איז דעם רבינ'ס רבי'...

**רבינו:** א גדול הדור הייסט א רבו פאר יעדן איינעם.

**האדמו"ר ממונקאטש:** אזוי שטייט אויך לגבי הספד און אנדערע זאכן, אז א נשיא וכדומה הייסט א רבי פאר יעדן איינעם.

*

***יום שלישי פרשת ויצא***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לבנין התלמוד תורה בבארא פארק, לרגל החדר פירן של נכדו הילד **מרדכי אברהם** ני"ו, בן **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**. בתחלה ביקר **רבינו שליט"א** בכיתות התלמוד תורה, והתעניין על הלימודים בקורת רוח, והאציל מברכותיו על המחנכים והמלמדים שיזכו לראות ברכה בפרי עמלם לטובה.

אחר כך התקיים החדר פירן ולימוד הא"ב כנהוג על ידי המלמד הרב **מרדכי יונה הכהן** שליט"א, כמו כן קראו הפסוקים המיוחדים שעל גבי העוגה (כמובא **ברוקח** ועוד). אחר ברכת לחיים עברו כל ילדי התלמוד תורה לאחל ברכת מזל טוב **לרבינו שליט"א**.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שמואל אליעזר גאנדעל** ע"ה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יונתן לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם מאיר פישער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת ויצא***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **עזריאל יהודא שטערן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **דוד מענצער** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, ווען גד איז געבוירן געווארן, האט מען געזאגט בא גד, ותקרא את שמו גד (ל-יא). דער הייליגער **חתם סופר** (**בתורת** משה בפרשתנו קכג.) שרייבט אין דריי שורות, אז עס שטייט אין מדרש (הובא ברש"י) אז גד איז טייטש געשניטן, ער איז געבוירן גע'מל'טערהייט. נאכדעם איז דא א מדרש, אז ער איז געבוירן געווארן שבת. זאגט דער חתם סופר, ג"ד איז בגימטריא זיבן, בא גד, ער איז געבוירן געווארן שבת. און אז ער איז געבוירן געווארן שבת, וואלט דאך געדארפט זיין דער ברית שבת, אבער אזוי ווי ער איז נולד מהול, איז מען דאך מטיף דם ברית דעםניינטן טאג, האט מען מטיף דם געווען זונטאג. 'בגד' איז בגימטריא ניין. זאגט דער חתם סופר, אז עס איז אלעס מרומז. בא גד, ער איז געבוירן געווארן גע'מל'טערהייט, בא גד, ער איז געקומען אין שבת, און בגד, מען האט אים מטיף געווען דם ברית דעם ניינטן טאג.

**עס** קען זיין, ער זאגט בא גד, ער איז געבוירן געווארן אין שבת, די גמרא (שבת קנו.) רעכנט אויס אויף יעדן טאג און אויף יעדע שעה וואס א מענטש ווערט געבוירן, וואס דער מזל פון דעם מענטש איז. [דאס קינד איז געבוירן געווארן מיטוואך. און די גמרא זאגט, אז א קינד וואס ווערט געבוירן מיטוואך וועט זיין חכים ונהיר, ער וועט זיין א קלוג קינד, און ער וועט האבן א שיינע צורה. און דער **ערוך** טייטשט, אז ער וועט זיין א גוטער בעל זכרון. ער איז געבוירן מיט פאטענשול'ס צו זיין א חכים ונהיר]. זאגט די גמרא אז ווען מען ווערט געבוירן אין שבת, וועט מען אוועקגיין פון די וועלט אויך אין שבת. אזוי ווי מען האט מחלל שבת געווען אויף אים בשעת ער איז געבוירן געווארן, מוז ער עס באצאלן

אז ער גייט אוועק שבת. דער **מהרי"ל** (שו"ת מהרי"ל רג) שרייבט שוין, אז מען זעהט נישט אז עס זאל אייביג זיין אזוי, אז מען גייט אוועק אום שבת. זאגט ער אז ארגינעל וואלט ער געדארפט אוועקגיין שבת, נאר אמאל איז דא וואס ער האט זכותים און עס טוישט זיך. אבער בעצם קומט עס אזוי.

**קומט** אויס, אז ווען איינער איז בא גד, ווען ער קומט שבת אויף דער וועלט, איז ב' גד, וועט צוויי מאל זיין אין שבת. בא איז נישט נאר דער טייטש קומען, נאר עס איז אויך א לשון פון די וזרח השמש 'ובא' השמש. ווען עס איז בא גד, אז מען קומט שבת אויף דער וועלט, איז ב' גד, וועט מען אויך אוועקגיין פון די וועלט אין דעם זיבעטן טאג אין שבת.

**עס** קען זיין, מען ווייסט אז מצות מילה איז מעורר רחמים, מ'י י'עלה ל'נ'ו ה'שמימ'ה (דברים ל-יב) איז די ראשי תיבות מיל"ה, און די סופי תיבות איז דער שם הוי"ה. ווען מען מל'ט א קינד, ברענגט עס אראפ די מדה פון רחמים אויף די וועלט. און אויפן קינד אליין ווערט אויך נחקק שני שמות בשעת מען מל'ט אים, דער שם יהו"ה מיטן שם שד"י מלגאו ומלבר (תיקוני זוהר כב סו.). די שם הוי"ה איז א שם פון רחמים, און די שם שד"י איז מי שאמר לעולמו די, יאמר לצרותי די (רש"י מג-יד), ביידע זענען שמות פון רחמים. קומט אויס אז ווען מען מל'ט א קינד איז עס א זמן פון רחמים.

**די** גמרא (שבת קד.) זאגט, אז די דרדקי זענען געקומען, און זיי האבן געדרשנט די א"ב. א' ב' איז אלוף בינה, עס גייט ארויף אויף לימוד התורה, און ג' ד' איז גמול דלים, עס גייט ארויף אויף טון חסד. דער אייבערשטער איז דאך אויך מקיים די תורה, און דער אייבערשטער כביכול איז אלוף בינה, ער איז עוסק בתורה, און גמול דלים, ער טוט חסד. אז עס איז בא גד, אז ער איז געקומען גע'מל'טערהייט, איז דאך דא די מצוה פון מילה, וואס מצות מילה איז מעורר רחמים. אפילו מען האט נישט גע'מל'ט, ווייל עס איז געווען נולד מהול, אבער בא גד, מען האט מטיף געווען דם ברית. ביי יעדע קינד איז דא א מצוה פון מילה, אמאל איז עס כריתת ערלה, און אמאל איז עס הטפת דם ברית. איז בא גד, קומט אויך מיט דעם מיט גמול דלים, עס קומט מיט די מדה פון חסד.

**רבי** דוד זאל זיין געזונט האט מכניס געווען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, עס איז ביי אים אלוף בינה און גמול דלים, ער זיצט און לערנט, און ער טוט חסד פאר אנדערע. ביי אונז אין די קהלה האט ער אויך א געוואלדיגען זכות הרבים, וואס ער טוט פארן ציבור שטילערהייט. ביי יעדע זאך איז ער דער ראש וראשון לכל דבר שבקדושה. זאל אים דער אייבערשטער געבן, אז ער זאל קענען מגדל זיין דאס קינד מיט די אלע ברכות וואס מען האט פריער גערעדט וואס עס שטייט אויף א קינד וואס איז געבוירן מיטוואך. ער זאל אויסוואקסן א קינד א תלמיד חכם, און אים גרינגערהייט מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים. די זיידעס וואס זענען אלע געוואלדיגע בעלי מדות חסד, בגופם ובממונם, זאל זיי דער באשעפער געבן, אז זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי אלע זייערע קינדער און אייניקלעך. און מיר זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של החתן **אברהם** (ב"ר מרדכי לייב הי"ו) **פריעדמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק דוב זילבער** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי יצחק זלמן גיפס שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו ברכת אברהם, עב"ג בת הר"ר **אליקים געציל בערגער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת ויצא***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לפלעטבוש ושימש במוהלות אצל הברית של בן ש"ב הרב **דוד דייטש** שליט"א (בן הרה"ג רבי שלום דייטש שליט"א), שהתקיים בבית המדרש אלעסק.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך

התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת סטראלאוויטש שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **משה סטרולאוויטש** ע"ה).

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל **האדמו"ר מדעעש ב"פ שליט"א**, שישב שבעה על פטירת אמו הרבנית ע"ה.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו:** ווער זענען געווען די מאמע'ס עלטערן.

**האדמו"ר מדעעש:** די מאמע'ס טאטע האט געהייסן **רבי יחזקאל מענדל פאנעט**. ער איז געווען א זון פון **רבי יצחק מיכל**, א זון פון **רבי משה'לע**, א ברודער פונעם **כנסת יחזקאל**. די טאטע מיט די מאמע זענען געווען צווייטע קאזינס. די מאמע'ס זיידע איז געווען **רבי יצחק מיכל**, און דער טאטע'ס זיידע איז געווען דער **כנסת יחזקאל**, א זון פון **רבי משה'לע**.

**רבינו:** עס איז דא די דעעש'ער מעשה פון צדיק זה בא לבית מלוני, די וואך אין די פרשה[ד].

**האדמו"ר מדעעש:** דער **כנסת יחזקאל** האט אנגעהויבן צו לייגען תפלין ביי די זיבן יאר, אויף איין יאר. ער האט עס געבעטן פאר אפיקומן, און דער **מעגלי צדק** געזאגט, קטן היודע לשמור תפילין, אביו לוקח לו תפילין (סוכה מב.), וועל איך אים קויפן. נאך א יאר איז אנגעקומען א גדול, דער טאטע ז"ל פלעגט זאגען, אז ער מיינט אז עס איז געווען דער **מלבי"ם**, און ער האט נישט געהאט קיין תפילין, מען האט אים געהאט גע'גנב'ט די תפילין, האט ער אוועקגעגעבן זיין תפלין. ווען מען האט אים געפרעגט דערויף, האט דער **כנסת יחזקאל** געזאגט, ער איז מחוייב, און איך בין נישט מחוייב.

דער כנסת יחזקאל'ס שידוך איז אויך געווען מיט א מעשה, דער כנסת יחזקאל'ס שווער האט געהייסן רבי שמואל יהודא פאללאק, ער איז געווען א וויזניצער חסיד, פון די ווישיוועס, מיין טאטע האט געהייסן נאך אים, און ער האט געהאט א בת יחידה. און דער רבי משה האט געהאט שונאים. - אזוי פלעגן די רבנים זיך אונטערשרייבן אבד"ק, און דער רבי משה'לע פלעגט זיך אונטערשרייבען 'החונה פה', ווייל נאך די הסתלקות פונעם **מעגלי צדק**, איז געווען אזעלכע וואס האבן אים נישט געוואלט, ער איז געווען זייער א חסידישער, און א שארפער, האט ער נישט געוואלט אונטערשריבן אבד"ק. - און עס איז געווען חברה וואס האבן געהאט א חשבון מיט דעם שמואל יהודא, און זיי האבן געשריבן א טעלעגראם כאילו פון רבי משה'לע, אז ער וויל זיך משדך זיין מיט אים. און ער איז געקומען צו פארען קיין דעעש מיט די טאכטער, און ער איז אריינגעקומען צום רבי משה'לע. דער כנסת יחזקאל איז נאך געווען אונטער די בר מצוה, ער איז געווען א מושלם, ער האט שוין געהייסען אלץ יונגעל א עילוי. דער **מעגלי צדק** האט נאך געלעבט, איז ער אריין צום פאטער, און ער האט אים פארציילט וואס עס גייט פאר. האט דער מעגלי צדק געזאגט, וואס איז די שאלה, פארשעמען א יודישע טאכטער? האט זיך דער רבי משה'לע אנגערופן, וואס וועט די גאס זאגען. האט זיך דער מעגלי צדק אנגעכאפט די בארד, און ער האט געזאגט, 'ווי' איז מיין ווייסע בארד, אז מיינס א קינד זאל זאגען וואס וועט די גאס זאגען'. און

---

[ד] גופא דעובדא הוה עם **הגה"ק רבי מנחם מענדל [בעל מעגלי צדק] מדעעש זצ"ל**, שבבחרותו היה פעם בעיר אוהעל, ויצא לשוק של פירות לקנות לו מעלאנע, ועמדה שם בת ישראל שמכרה, ובהיות שהיה המחיר גבוה, עמד ללכת משם. ואמרה לו דבר מליצה 'צדיק זה בא לבית מעלאנע ויפטור בלי מעלאנע', ומגודל הפעלותו הרים עיניו עליה. ושוב התחרט מאד ובכה, ולא מצא מנוח לנפשו, שעשה דבר כזה להסתכל עליה, עד שהחליט שמוכן לישא נערה זו לאשה, וכיון שאסור לקדש אשה עד שיראנה (קידושין מא:), ממילא היה זה הסתכלות של מצוה. והלך **להגה"ק בעל ישמח משה זצ"ל**, האב"ד שם, והציע לפניו הדברים, והסכים עמו שהוא דבר נאה ומתקבל, אך יש לו להודיע לאבותיו שיבואו כאן לגמור השידוך. וכאשר באו אבותיו לא רצתה אמו להסכים להשידוך מחמת כמה סיבות. וכששמע הישמח משה טענותיה הסכים עמה. אך בנם פרץ בבכיה וצעק מה יהיה בהבטה שהביט. וכאשר ראה הישמח משה גודל צערו, ביקש אותם שלא להתנגד להשידוך, והבטיח להם לראות דורות יפים משידוך זה ע"כ (הובא בארוכה בספר **עובדא דאהרן** פרק י').

ובדרשת פרקי אבות (פרשת נשא תשע"ט לפ"ק) אמר **רבינו שליט"א** לבאר, שעל דרך זה היה בבועז, שמגודל קדושתו לא היה מסתכל, ונזדמן לו בדרך מקרה שראה את רות, והתבונן בעצמו הלא לא יאונה לצדיק כל און, ואיך בא לידו כזאת, ועל כרחך סיבה היא מן השמים שרות ראויה לו לאשה, ואין לקדש אשה אלא אם כן יראנה. ולכן שאל למי הנערה הזאת, מהו משפחתה, ואם היא פנויה ע"ש.

דער שידוך איז געווארן. די באבע איז געווען א גרויסע צדיקת.

**האדמו"ר מבורשטין שליט"א:** מיט **רבי עקיבא איגר** איז אויך דא אזא מעשה, אז אין א שטעטל איז געווען א עם הארץ, אבער א שטיקל נגיד, און ער האט געזוכט א רבנישער שידוך. און די לצים האבן אונטערגעשטעלט אז זיי קומען יעצט פון פוילן, און דער **רבי עקיבא איגר** וויל זיך מיט אים משדך זיין. און מען זאל ענדיגען דעם שידוך אן אים, ווייל ער איז זייער פארנומען, און ער קען נישט קומען. און זיי פלעגן כסדר ברענגען שליחות'ן פונעם רבי עקיבא איגר, און מען האט אפגעשמועסט א זמן החתונה. דער יוד איז אנגעקומען מיט די טאכטער, און ער קלאפט אריין צום רבי עקיבא איגר, און ער דערציילט פאר רבי עקיבא איגר, אז זיי האבן זיך משדך געווען, און ער איז געקומען צו די חתונה. האט ער געזעהן וואס דא טוט זיך, האט אים דער רבי עקיבא איגר געזאגט, איך בין שוין א אלטער יוד, איך האב שוין נישט קיין קינדער, אבער מיין זון רבי שלמה האט יעצט א בחור. האט ער אריינגערופן דעם זון, און ער האט אים געזאגט, אז מען טאר נישט פארשעמען א יודישע טאכטער, און ער זאל טון דעם שידוך, און ער זאגט אים צו גוטע דורות. און ער האט געטון דעם שידוך.

**רבינו:** די וואך אין די פרשה האט מען אויך אויסגענארט יעקב, און ער האט אויך געהאט גוטע דורות נאכדעם...

*

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת ש"ב הרב **שלמה אהרן פאללאק** שליט"א, עב"ג בן **הרה"ג רבי יהושע זיידענפעלד שליט"א** מבארדיטשוב, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

*

***<u>ערב שבת קודש פרשת ויצא</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אלי' בריעגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

***<u>שבת קודש פרשת ויצא</u>***

**<u>וביום השבת שישו ושמחו</u>**

קהל גדול מאנ"ש זקנים ונערים תלמידים וחסידים באו לשבות בצל הקודש ולשוש ולשמוח בשמחתו של אבינו רועינו **רבינו שליט"א**, לרגל שמחת האויפרוף של נכדו החתן **הרב שלמה זלמן שליט"א בן הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, ר"מ בישיבתנו הק'. - התפלות וסעודות שבת התקיימו ברוב פאר והדר בהיכל בית מדרשינו הגדול, וההדרים בסמוכים שנפתחו לרווחת הציבור הגדול שהתקבצו לשמחת בית צדיקים.

לקראת שבת יצא לאור קונטרסים מיוחדים מתורתו הבהירה של **רבינו שליט"א**, **'פניני שמן ראש'** על פרשת השבוע, וכמו כן קונטרס משיעורי **אור החיים הק'** על פרשת ויצא שנאמרו על ידי **רבינו שליט"א** במשך השנים, ערוך ומסודר דבר דבור על אופניו, מנועם זיו מעדני מלך.

**רבינו שליט"א** הלביש את החתן שליט"א בהשטריימעל בביתו נאוה קודש (בווילסאן סט.) ומשם עברו לבית המדרש.

לתפלת מנחה עבר המחותן **הרה"ג רבי אשר אנשיל כ"ץ שליט"א**, ובתפלת קבלת שבת נתכבד הרב ר' **יוסף יהושע פליישמאן שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק').

לאחר שעברו כל הקהל להתברך בברכת שבתא טבא, ערכו הבית המדרש בפאר והדר לסעודת שבת קודש, בה השתתפו בני המשפחה והמוני אורחים מאנ"ש ותלמידי ישיבתנו הק' אשר גדשו את ההיכל מפה לפה כשבראש המסובין מפאר **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**.

במשך הסעודה נשמעו דברות קודש **מכ"ק רבינו שליט"א**. וכמו כן נשמעו דברי תורה מאת המחותן **הרה"ג רבי אשר אנשיל כ"ץ שליט"א**, ומאת **הרה"ג רבי חיים מאיר האגער שליט"א** (בן המחותן כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א, וחתן כ"ק האדמו"ר מספינקא ב"פ שליט"א), והמחותן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**. ונתכבדו **הרה"ג רבי יעקב דוד כ"ץ שליט"א** (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א) בזמר כל מקדש, והרה"ח רבי **חיים שטערן** הי"ו מחשובי חסידי ויזניץ בזמר מנוחה ושמחה, ובין הפרקים הנעימו בזמירות שב"ק מקהלת אברכי אנ"ש שיחי'.

בהמשך הסעודה ערך **כ"ק רבינו שליט"א** הבאטע אשר נמשך למשך שעות של התרוממות ודביקות, מתובל בדברות קודש מוסר והדרכה על ידי **רבינו שליט"א**. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי ברוך האגער שליט"א** (בן

**כ"ק האדמו"ר מסערט ויזניץ שליט"א, וחתן המחותן כ"ק האדמו"ר מויזניץ שליט"א).**

בצפרא דשבתא התקבץ קהל גדול אצל בית **רבינו שליט"א** (בפענן סט.) שמשם ליוו החתן לבית המדרש בשירה ובזמרה.

לפסוקי דזמרה עבר **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודא, ולתפלת שחרית עבר הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו (מנכ"ל מוסדותינו הק' בוומסב"ג). בקריאת התורה נתחלקו העליות להמחותנים וקרובי המשפחה שליט"א. כהן - **רבינו שליט"א**, לוי – הר"ר **ישראל לעפקאוויטש** הי"ו (אבי הבן), שלישי - **הרה"ג רבי ברוך האגער שליט"א**, רביעי – **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' בוומסב"ג, חמישי – **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודא בב"פ, שישי - **הרה"ג רבי חיים מאיר האגער שליט"א**, שביעי - **הרה"ג רבי אהרן שפירא שליט"א** רב דפרדס כ"ץ ב"ב, אחרון – החתן שליט"א, מפטיר – המחותן **הרה"ג רבי אשר אנשיל שליט"א**. הגבהה – הר"ר **אברהם ברוך בערקאוויטש** הי"ו, גלילה – הר"ר **מאיר דוד טאבאק** הי"ו. בתפלת מוסף נתכבד **הרה"ג רבי יעקב דוד כ"ץ שליט"א**. ולפתיחה לאנעים זמירות נתכבד הרה"ח רבי **חיים שטערן** הי"ו מקווינס.

אחר התפלה התקיים הקידושא רבא לרגל השמחה, כשמאות המוני ידידים וחסידים, ובתוכם רבנים חשובים וקרובי המשפחה שליט"א, עברו לפני **רבינו שליט"א** והמחותנים והבעלי שמחה שליט"א לברך ולהתברך בברכת מזלא טבא.

סעודת צפרא דשבתא ערך **רבינו שליט"א** בהיכל בית מדרשנו הגדול לפני כל קהל ועדה, ונשמעו מדברות קדשו במשך הסעודה. וכמו כן נשמע דרשה מהאורח הדגול **הרה"ג רבי אהרן שפירא שליט"א** רב פרדס כ"ץ ב"ב, שהוציא לאור הספר '**דרך חיים תוכחת מוסר' להשל"ה הק'** על פרשיות התורה עם הוספות והשלמות, לרגל השמחה. בברכת המזון נתכבד הרב **דוד רובינשטיין** שליט"א מירושלים עיה"ק **(בן הגה"צ אב"ד אנטווערפען זצ"ל)**.

לאחר תפלת מנחה התקיים סעודת רעוא דרעוין ברוב עם הדרת מלך. **רבינו שליט"א** השמיע בסיום הדברות קודש דיבורים מיוחדים בשבח והודיה להשי"ת בעידן חדותא, כשזוכים לראות בנים ובני בנים ההולכים בדרכי אבות.

***ונצטט מתוכן הדברים:***

**מיר** שטייען יעצט ביי א זמן שמחה, דער אייבערשטער האט געהאלפן ב"ה, אז מיין חשובער זון הרב משה מרדכי שליט"א, מאכט חתונה די וואך זיין חשוב'ן חתן. ער קומט אריין אין א גוטע שטוב, דעם ברודער'ס שטוב, משיירי כנסת הגדולה, וואס ער איז מפורסם מיט זיין צדקות און ערליכקייט. מיר זענען געוואקסען צוזאמען, ער איז כמעט ווי מיין רבי, איך האב אסאך געלערנט ביי אים, ער איז געווען דער וועג-ווייזער אין שטוב ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. עס איז נישט דא גענוג ווערטער צו דאנקען דעם רבונו של עולם אויף די חסד וואס ער האט געטון מיט אונז. דער אייבערשטער זאל געבן אז מען זאל ווייטער זעהן שמחות און נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

**איך** וויל באדאנקען די אלע געסט וואס זענען געקומען אויף שבת, און די אלע וואס וועלן זיך משתתף זיין אין די שמחה אי"ה במשך פון די וואך. ה' יודע ועד, אז ביי יעדע שמחה וואס איז דא ביי איינעם פון אנשי שלומינו פריי איך זיך באמת מיט די גאנצע הארץ, און איך טוה אנטייל נעמען ביי יעדע שמחה. דער אייבערשטער זאל געבן מען זאל זיך קענען שטענדיג פרייען איינער מיטן אנדערנס שמחה, און מיר אלע זאלן זעהן תענוג ונחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך.

**איך** האב געזעהן שטיין פונעם **פני מנחם זצ"ל**, אז ער האט געזאגט אז דאס וואס מען מאכט א פארשפיל פאר א חתן א שבת פארדעם, האט א מקור אין די וואכעדיגע פרשה. ווען יעקב איז אוועקגעגאנגען און האט מיטגענומען די קינדער מיט זיך, האט אים לבן געזאגט, פארוואס האסטו מיר נישט געזאגט, ואשלחך בשמחה ובשירים בתוף ובכנור (לא-כז), איך וואלט דיך אוועקגעשיקט מיט מוזיק. זאגט דער **פני מנחם**, אז לבן שיקט אוועק קינדער מיט מוזיק, איז מכל שכן מדה טובה מרובה, אז דער אייבערשטער העלפט אז מען שיקט אוועק א קינד פון שטוב, ער שטעלט אויף אליינס א שטוב, ער האט חתונה און טוט א ערליכען שידוך, וויפיל מוזיק דארף א יוד זאגן בשעת מען שיקט אוועק די חתן פון די היים, ער זאל גיין אויפבויען זיין שטוב.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, עס זאל זיין שמחות אין אלע יודישע שטובער. א זמן פון שמחה איז א

זמן פון השפעות טובות, שפע ברכה און הצלחה. אלע זאלן געבענטש ווערן מיט וואס מען דארף צו האבן. שמחות און נחתביי די קינדער, מיט לאנגע געזונטע יארן. און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

לפני ברכת המזון נערך שמחת הפארשפיל בתופים ובמחולות, כשכל הקהל הקודש ששים ושמחים בחדוה עילאה בשמחת רועינו הנאמן **כ"ק רבינו שליט"א**. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן, ועם בנו המחותן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**. לאחר תפלת מעריב הבדיל **רבינו שליט"א** על הכוס, ועברו כל הקהל לברכת א גוט וואך.